

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

חג הסוכות
תש"פ לפ"ק
גליון ג'

## שאלה

### וואס זאל מען טראכטן ווען מען שאקלט די לולב און אתרוג, ביי די נענועים?

## ענטפער:

אודאי דארף מען טראכטן. מען קען נישט סתם זיצן אנגעלאנט און טון די מינימום. לאמיר זאגן דו האסט געקויפט א ערליכן אתרוג און דו האסט גוט באצאלט דערפאר. איז יעצט האלטסטו דעם לולב און אתרוג; אפשר זאלסטו עפעס מחדש זיין אין די מצוה. מען דארף זיין א מחדש. ווען מען מאכט די נענועים זאל מען זאגן צו הקב"ה, "איך דאנק דיר באשעפער אז דו האסט מיר געגעבן א געזונטע הארץ". איר ווייסט, אסאך מענטשן האבן א קראנקע הארץ ל"ע. זיי וואלטן זיך געווינטשן צו האבן דיין הארץ! די **אתרוג** איז **דומה ללב**, זאגט דער מדרש. איז בשעת מען האלט די אתרוג קען מען טראכטן "איך דאנק דיר באשעפער פאר'ן מיר געבן א גוטע, ווירקזאמע, געזונטע הארץ". און דו האסט מיר געגעבן גוטע אויגן. אסאך מענטשן האבן פראבלעמען מיט זייער אויגן. און דאס זאגט אונז די הדסים. די **הדסים** זענען **ווי אויגן**. דו האסט מיר געגעבן א גוטע רוקנביין, א שדרה. אסאך מענטשן, נישט אייך געדאכט, לא עליכם, זענען איינגעבויגן. זיי האבן א הויקער. זייער שדרה איז געבויגן. און דו האסט א גלייכע רוקן. יעצט, **דאס** איז עפעס וואס מען קען טראכטן ווען מען הייבט אויף דעם **לולב**.

הערט מיר אויס; וואס מיינען די נענועים? מען שאקלט אהין-און-צוריק, אהין-און-צוריק. וואס מיינט דאס? פארוואס שאקלט מען אהין-און-צוריק? עס מיינט אז מיר דאנקען דיר ווייל עס קומט **פון דיר צו אונז**. אונזער דאנק איז צו דיר צוליב אלע זאכן וואס קומט אלץ פון דיר צו אונז. דאס זאגן מיר ווען מיר שאקלען **אהין און צוריק**. מיר שאקלען אין אלע ריכטונגען ווייל מיר זאגן, קיין חילוק פון וועלכע זייט די גוטס קומט, איז עס אייביג **נאר פון דיר**. און ווען דעם נעמט מען דעם לולב, וואס איז די רוקנביין, די שדרה, און מען נעמט דעם הארץ, וואס איז דער אתרוג. מען נעמט די הדסים וואס זענען די אויגן, און די ערבות וואס איז די ליפן, די מויל, און מען זאגט **"איך געב זיי אוועק פאר דיר** השי"ת, פאר אלעם וואס דו האסט געטון פאר מיר". אהין-און-צוריק, אהין-און-צוריק, דאס קען מען טראכטן ביי די נענועים. באשעפער, עס קומט אלעס פון דיר צו מיר.

איר מיינט ס'איז נאריש! ס'איז בכלל נישט נאריש. איך וועל אייך זאגן וואס איך טראכט אסאך מאל ווען איך מאך די נענועים. אסאך מאל טראכט איך אזוי: איין נענועים פאר מיין עלטסטע איידעם. ברוך השם איך האב א גוטן איידעם. ברוך השם! און ברוך השם, איך האב א צווייטע גוטע איידעם. ברוך השם פאר'ן צווייטן איידעם. ברוך השם, עס איז נישט דא קיין פראבלעמען דארטן. איך האב קיינמאל נישט געהערט קיין שום מחלוקת. מיין טאכטער האט שלום בית מיט מיין איידעם. ברוך השם, איך בין פרייליך. אזעלכע גוטע איידימער. וועגן דעם מאכן מיר נענועים. דאס איז וואס עס מיינט. איך דאנק דיר פאר אלעס וואס דו האסט מיר געגעבן.

ווען איר זאגט מארגן ביי די נענועים **"הודו לשם כי טוב"**, טראכט: איר האט חתונה געמאכט גוט אלע אייערע טעכטער? עס וואלט נישט געווען קיין שלעכטע געדאנק צו מאכן איין נענועים פאר יעדן איידעם. איי איי איי! איך דאנק דיר באשעפער פאר דעם איידעם! און ביי די קומענדיגע נענועים, "הודו לשם כי טוב", איך דאנק דיר באשעפער פאר'ן צווייטן איידעם. אזוי דארף מען ארבעטן. עס איז אזא געוואלדיגע זאך צו האבן גוט חתונה געמאכט די קינדער אז מען קען קיינמאל נישט גענוג דאנקען פאר א גוטן איידעם אדער א גוטן שניר. און דאס זאל מען טראכטן ווען מען מאכט די נענועים. עס טאר נישט זיין סתם א טעכנישע זאך. (טעיפ #757)

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

## שאלה

### קען דער רב מאכן א סך הכל וואס הושענא רבה לערנט אונז, אין עטליכע ווערטער?

## ענטפער:

וויבאלד היינט נאכט איז הושענא רבה, וועלן מיר נעמען די צייט צו רעדן אביסל דערוועגן.

מיר וועלן זען מארגן אינדערפרי וואס די טעמע פון הושענא רבה איז. עס איז איבערראשענד אז רוב מענטשן כאפן עס נישט אויף. די טעמע פון הושענא רבה איז צו **בעטן פאר רעגן**! מען בעט פאר רעגן!

דער ש"ץ שטעלט זיך אויף און ער זאגט אסאך מאל "הושענא, הושענא!" ער שרייט זיך אויס "אנא הושענא, הושיעה נא! ער שרייט און בעט זיך פאר רעגן. עס ווערט איבערגעזאגט אזויפיל מאל, און דאס איז די טעמע. און דער מנהג וואס די נביאים האבן איינגעפירט צו קלאפן אויף דער ערד מיט ערבות, איז אויך א בקשה פאר רעגן. דאס איז אן אופן פון בעטן אויף רעגן! מענטשן ווייסן נישט וואס עס קומט פאר! זיי טראכטן פון אלעם חוץ פון די וויכטיגסטע זאך. הושענא רבה, פון אלע זאכן וואס מיר בעטן, איז די עיקר בקשה פאר רעגן.

יעצט שטעלט אייך פאר. לאמיר זאגן דו רופסט אן א חבר, איינמאל און נאכאמאל, און הונדערט מאל, און דו זאגסט אים "איך בעט דיר, ענטפער מיר. הושענא. איך בעט דיר קום אריבער צו מיר. ביטע, ענני. איך דארף דיר. ביטע קום, קום! קום! קום! הושענא!" און ענדליך קומט ער אריבער צו דיר. דו האסט זיך אזוי געבעטן, ביז ענדליך ער קומט אריבער און קלינגט דיין טיר. און דו גייסט צום טיר און דו זאגסט אים "וואס קלינגסטו דארט? הער מיר שוין אויף צו באדערן!" וואס דארף דאס צו מיינען?!

דו שרייסט פאר שעות פאר רעגן, רעגן רעגן, און ווען די רעגן קומט שוין ענדליך רעדסטו זיך אפ אז עס רעגנט?...

מען דארף שפירן אביסל אחריות! אויב גייט איר מארגן איינרייסן פאר רעגן, און איך בין זיכער אז איר גייט עס טון, פאר א לאנגע צייט – אין אסאך פלעצער נעמט עס שעות – מען בעט זיך פאר רעגן, דאן דארפט איר פארשטיין אז **רעגן איז א געוואלדיגע גליקליכקייט**.

און מיר האבן אייגנטליך באקומען פון די גוטע זאך די לעצטע פאר טעג. די איינציגסטע שאד איז נאר אז עס האט זיך אריינגעמישט מיט אונזער סוכה. אבער אויסערדעם דארפן מיר אויסנוצן די געוואלדיגע ברכה פון רעגן. ס'איז א געוואלדיגע גליקליכקייט. רעגן מיינט אלעס וואס מען נעמט אריין אין מויל. נישט בלויז סאדע – ווייל דאס איז רעגן, ס'איז סאדע, נאר אָן די שמוץ... רעגן מיינט נישט בלויז אז מען וועט האבן וואסער זיך צו וואשן און באדן – וואס דאס אליינס איז אויך א גרויסע טובה – אבער רעגן מיינט גאנצעטע דורות פון מענטשן. מיר אלע זענען אכציג פראצענט וואסער. דאס זענען מיר, אכציג פראצענט רעגן! איז ווען עס רעגנט, קומען אראפ גאנצע דורות פון די וואלקענעס.

רעגן איז זייער א גרויסע שמחה!! און מיר דארפן מארגן לערנען דעם לימוד. ס'איז א שאד – מענטשן רעדן און רעדן און רעדן, פאר שעות גייען זיי ארום די בימה, מען זאגט און מען דרייט זיך. און דער חזן טוט אפילו אן א קיטל, און ער הייבט נישט אן צו וויסן וואס ער זאגט דארט. דער זעלבער ש"ץ וואס האט דעם גאנצן אינדערפרי געדאווענט, ווי נאר ער ענדיגט דאווענען, גייט ער ארויס פון שול און עס רעגנט, און ער זאגט "אזא פארכמורעטער טאג!"... ער האט יעצט געענדיגט בעטן פאר דעם! דער ענטפער איז אז ער ווייסט ניטאמאל וואס ער זאגט.

עס ווייסט ווי ווייט די וועלט טראכט נישט. עס איז א שאד אז קיינער טראכט נישט. מען דארף לערנען ווי א גרויסע ברכה רעגן איז. כאטש דאס זאלט איר אהיימנעמען פון הושענא רבה. און דאס ברענגט אונז צוריק צו איינס פון אונזערע אלטע נושאים: **"גדול יום הגשמים!"** – ווי גרויס איז דער טאג ווען עס רעגנט! אבער מיר זענען שוין אויסגעלאפן פון צייט פאר היינט. איך וואונטש אייך א געשמאקע יום טוב. ושמחת בחגיך והיית אך שמח. (טעיפ #91)

## שאלה

### זאל א מענטש שפירן געטריי צו אמעריקע, און אויב יא, וויאזוי זאל די לאיאליטעט אויסגעדרוקט ווערן?

## ענטפער:

זאל א מענטש שפירן לאיאל, לאמיר זאגן, צו א פלאץ וואו ער האט זיך אפגעשטעלט אונטערוועגנס ווען עס האט גערעגנט און זיי האבן אים געגעבן א דאך איבער זיין קאפ? זאל מען זיין לאיאל צו דעם מענטש וואס האט דיר געגעבן א פלאץ זיך צו האלטן טרוקן? אודאי! אויב האט מען א פלאץ פון שוץ ביי איינעם דארף מען זיין דאנקבאר.

אמעריקע איז א פלאץ פון שוץ פאר אונז. מיר זענען אהערגעקומען פון לענדער וואו מען האט אונז געפייניגט. נישט בלויז די וועלכע זענען אהערגעקומען נאך היטלער, נאר אפילו די וועלכע זענען געקומען פריער, פון די צארישע רוסלאנד און אנדערע אייראפעאישע לענדער – זיי זענען געקומען צו א לאנד פון גלייכבארעכטיגונג. זיי זענען געווען דערשטוינט אויף די פריינדליכקייט דא. אונזערע עלטערן, ווען זיי זענען געקומען קיין אמעריקע זענען זיי געווען איבערגליקליך. זיי האבן געקישט די ערד מיט שמחה.

דער אמעריקאנער פאן איז א צייכן פון אנשטענדיגקייט און רחמנות. דאס איז עס. אודאי, ס'איז בלויז א סימבאל, אבער עס איז א סימבאל אויף עפעס וואס דער אויבערשטער טוט פאר אונז. אמעריקע איז א געוואלדיגע מתנה פאר אונז פון הקב"ה.

און דערפאר איז עס נישט אמעריקע וועם מיר האבן ליב; מיר דארפן ליב האבן השי"ת וואס האט אונז געגעבן אמעריקע! און אויב דער אויבערשטער גיבט אויסטראליע, דאן דארף מען אים ליב האבן פאר'ן געבן אויסטראליע.

מיר האבן א יסוד: **"בירא דשתית מיניה"** – אויב דו טרונקסט פון א קוואל, **"לא תשדי ביה קלא"** – ווארף נישט אריין קיין שטייב דערין (בבא קמא, צ"ב ע"ב). מען דארף אפהיטן דעם קוואל. און טראצדעם וואס די קוואל איז דאך סתם א דומם, דארף מען ארויסווייזן הכרת הטוב צו עס. עס איז א יסוד! מען דארף ארויסווייזן הכרת הטוב אפילו פאר א דומם. עס איז א יסוד אין די גמרא! א קוואל פון וואס דו האסט געטרונקען, שפיי נישט דערין און ווארף נישט אריין קיין שטויב. ווייז דאנקבארקייט פאר דעם קוואל.

און דעריבער דארפן מיר אלע זיין דאנקבאר צו אמעריקע. אבער ס'איז נישט אמעריקע – ס'איז דער באשעפער וואס האט אונז געגעבן די מתנה. איז לאמיר אנהאלטן די מתנה און זיכער מאכן אז די ליבעראלן רואינירן עס נישט. ווייל זיי פרובירן דאס בעסטע. זיי שטיפן רוסלאנד זיך אויסצוברייטערן צו דרום אמעריקע. דוקאקיס זאגט אז ער זעט גארנישט שלעכט מיט דעם אז רוסלאנד זאל האבן פארבינדעטע לענדער אין צענטראל און סאוט אמעריקע. איר הערט? ער זעט גארנישט שלעכט דערמיט! דער איז אן עכטער רשע; דוקאקיס איז א משוגענער. און טעקסעס וועט ארויפגיין אויב ער קומט אריין – זיי וועלן שטארק ארויפגיין! איר האט נישט קיין אנונג וויפיל די טעקסעס וועלן זיין. ער האלט זיך יעצט שטיל וועגן דעם, אבער ער האט שוין צוגעזאגט פאר אלע מינאריטעטן אז ער גייט העכערן די טעקסעס כדי זיי צו געבן אונזער געלט. "איר גייט באקומען אסאך געלט פון מיר", האט ער זיי צוגעזאגט. ער זאגט עס שטיל צו, אז קיינער זאל נישט וויסן דערוועגן; עס איז נישט גוט פאר די וואלן.

איז זיכער דארפן מיר זיין געטריי און דאנקבאר צו אמעריקע. אבער אמעריקע איז בלויז א סימבאל – ווער איז אמעריקע נאך אלעם? דער גוי אדער יענער גוי? אמעריקע איז דעם אויבערשטער'ס מתנה צו אונז, און עס איז אונזער אחריות צו שעצן די מתנה. און דערפאר דארפן מיר קאאפערירן מיט אמעריקע און פרובירן עס צו באשיצן. (טעיפ #701)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק












צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב